בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## חַג הַפֶּסַח (2)

תשפ"ג

295-1



מצבת ציון רבינו איש האלקים
אור העולם רבי נחמן מברסלב זי"ע
בעיר אומן יצ"ו
צדיק כתמר יפרח
הבטיח שכל מי שיבוא אל ציונו הקדוש ויאמר שם את התיקון הכללי
יוציאו מהשאול תחתית ויעשה לו טובה נצחית

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## חַג הַפֶּסַח (2)

295

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# לִקּוּט מִכְתָּבִים


אֱמוּנָה ....... ב

שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ....... ב

בָּנִים ....... ג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּב, אַז מַיין מַאן לָאזְט אָפּ כּוֹלֵל? ....... ג

גְּאוּלָּה ....... ו

נֶעם הֲפָצָה פַאר דַיין פַּרְנָסָה ....... ו

דְּבֵיקוּת ....... ז

מֶען קֶען אוֹיסְזֶען פָּשׁוּט אוּן זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ....... ז

הִתְבּוֹדְדוּת ....... ח

זַיין אַ בַּעַל חֶסֶד אִין שְׁטוּבּ ....... ח

וִודוּי ....... י

וָואס מֵיינְט זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם? ....... י

זְמִירוֹת ....... יג

אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵא אַ אִיד וָואס זִינְגְט זְמִירוֹת פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן ....... יג

חוֹבוֹת ....... טו

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, טְרַאכְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער ....... טו

טַהֲרַת הַמַחֲשָׁבָה ....... טו

וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ? ....... טו

יְמֵי הַבַּחֲרוּת ....... יט

כִּיבּוּד אָב וָאֵם ....... כז

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף מִיר צוּ סֶעקִירְן? ....... כז

לִימוּד הַתּוֹרָה ....... כט

דִי תּוֹרָה מַאכְט גֶעזוּנְט דֶעם מֶענְטְשׁ פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ ....... כט

מַתָּנוֹת ....... לא

וִוי אַזוֹי צוּ קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר קִינְדֶער ........................................ לא

נִיסִים ........................................ לד

אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים ........................................ לד

סַבְלָנוּת ........................................ לו

וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה? ........................................ לו

עֵינַיִם ........................................ לח

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן ........................................ לח

פַּשְׁטוּת ........................................ לט

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט'עֶרְהֵייט ........................................ לט

צַדִיק ........................................ מב

מַאכְן אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָימָא מִיט "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" ........................................ מב

קִנְאָה ........................................ מה

יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט, נָאר אִיךְ לַייד ........................................ מה

שָׁלוֹם בַּיִת ........................................ מח

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ ........................................ מח

תּוֹכֵחָה ........................................ נ

וֶוען דַארְף מֶען זָאגְן מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן וֶוען נִישְׁט? ........................................ נ

# לִקּוּט מִכְתָּבִים

**בעזהשי"ת**

**ערבי פסחים, תשפ"ג**

מיט לויב און דאנק צום הייליגן באשעפער אויף זיינע פילע חסדים האבן אנשי שלומינו נארוואס אפגעצייכנט זיבן יאר, א גאנצע שמיטה, זינט דעם ליכטיגן טאג ג׳ ויקרא תשע"ו לפ"ק, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט באוויליגט צו נעמען אויף זיך צו שרייבן יעדן טאג א מכתב יומי, און פרטיות׳דיג בריוון פאר די תלמידים ותלמידות, און שאלות ותשובות לכל דורש ומבקש. וואס איז שוין היינט צוטאגס תודה לא-ל באוויסט אין די גאנצע וועלט מיט׳ן נאמען עצתו אמונה און איש אמונות, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער, דער ראש ישיבה שליט"א זאלן האבן די כוחות און מעגליכקייט צו שרייבן ווייטער און אונז ברענגען נאנט צום אייבערשטן און צו די תורה.

צה"ר תעשה לתיבה, ברוך ה׳ מיר האלטן יעצט ביי קונטרס נומער 295, וואס איז באקליידעט געווארן מיט א פרישע נייעם דעקל אויפ׳ן פארלאנג פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס וועט אוודאי ברענגען א פרישקייט צו ליינען די הערליכע בריוון פאר יונג און אלט.

לויטן פארלאנג פונעם ראש ישיבה האבן מיר צוגעלייגט צוויי און צוואנציג בריוון, וועלכע לויפט אויף פארשידענע נושאים לויט די סדר הא"ב, צוצולייגן חומר צו ליינען אין די רואיגע יום טוב צייט און חול המועד.

מערכת עצתו אמונה וואונטשט פאר אלע אנשי שלומינו און ליינער א חג כשר ושמח, מיט אמונה און תקוה אז מיר וועלן נאך היי יאר זוכה זיין צו עסן דעם קרבן פסח אין ירושלים עיר הקודש, אמן.

קראו ותחי נפשכם!

# אֱמוּנָה

## שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן לֶעבְּן דֶערְמִיט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי פְרוּיעֶן אוּן פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל - אִיז אִים אַלֶעס פֵיין אוּן אַלֶעס גוּט.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲוֹנוֹתֶיךָ", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען זָאל אַסַאךְ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט אֵיינֶעם: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "יָא", נָאר: "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?" זָאלְסְטוּ עֶנְטְפֶערְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען וִוי מֶער מֶען

רֶעדְט פוּן דֶעם. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "'אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי'; עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, דָאס אַלֵיינְס אִיז אֱמוּנָה און דָאס בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמב) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה - זָאל עֶר אַרוֹיסְזָאגְן מִיט זַיין מוֹיל: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא יָחִיד רִאשׁוֹן וְאַחֲרוֹן"; וַוייל דֶער דִיבּוּר הָאט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ, און אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה.

דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר צוּ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן, וַוייל אַזוֹי וֶוערְט אַרַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בָּנִים

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ, אַז מַיין מַאן לָאזְט אָפּ כּוֹלֵל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן וִויל אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן כּוֹלֵל און גֵיין אַרְבֶּעטְן, עֶר אִיז גָאר אַן עֶרְלִיכֶער מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אָבֶער עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן צוּ אַסַאךְ צַייט, עֶר דַארְף עֶפֶּעס טוּן צוּ דִי זַאךְ.

עֶס טוּט מִיר מוֹרָא'דִיג וֵויי; מַיין חָלוֹם אִיז גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ, אַ מַאן וָואס זִיצְט און לֶערְנְט, און יֶעצְט פִּיל אִיךְ וִוי מַיין חָלוֹם דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ מֶער און מֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט פָּארְגֶעשְׁלָאגְן צוּ גֵיין בַּיינַאכְט אִין אַ כּוֹלֵל עֶרֶב, מֵיין אִיךְ אַז עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן לַאנְג.

וָואס אִיז יֶעצְט מַיין תַּפְקִיד? זָאל אִיךְ שְׁטֵיין שְׁטַארְק מִיט מִיר, אָדֶער אִיז עֶס פָּשׁוּט נִישְׁט מַיין עֵסֶק און אִיךְ זָאל אִים לָאזְן טוּן וָואס עֶר וִויל? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים יָא גֶעבְּן דִי הַרְגָּשָׁה צוּ הָאבְּן אַ "חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה"?

עֶס וֶועט מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה, צוּ וִויסְן אַז אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט לוֹיט מַיין אֵייגֶענֶע מֵיינוּנְג, און אוֹיב עֶס קֶען זַיין וָואס פְרִיעֶר, וַוייל עֶס אִיז אַן עִנְיָן פוּן טֶעג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר ווִילְט און אִיר חָלוֹמְ'ט, צוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ פוּן תּוֹרָה - דָאס אִיז גֶעוָואונְדְן נָאר אִין אַייךְ; עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַייעֶר מַאן, מֶען קֶען זַיין אִין כּוֹלֵל און נִישְׁט הָאבְּן אַ תּוֹרָה שְׁטוּבּ. און פַארְקֶערְט, מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - און הָאבְּן אַ תּוֹרָה שְׁטוּבּ, עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיטְן זַיין אִין כּוֹלֵל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", וָואס קֶענֶען פְרוֹיעֶן טוּן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וְכוּ'", מִיט דֶעם וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה און וַוארְטְן זֵיי אָפּ וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים; זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען, מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מַאמֶע; אַ פְרוֹי וָואס אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז תּוֹרָה, זִי רֶעדְט צוּ אִירֶע קִינְדֶער פוּן תּוֹרָה, זִי פְרֵיידְט זִיךְ וֶוען אִירֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען, זִי הֵייבְּט שְׁטֶענְדִיג אִירֶע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה, זִי שֶׁעצְט תּוֹרָה און ווִיל תּוֹרָה - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אַייעֶר תַּפְקִיד אִיז 'זַיין גֶעטְרֵיי פַאר אַייעֶר מַאן, שֶׁעצְן און הֵייבְּן אַייעֶר מַאן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז און וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ'; יָא כּוֹלֵל נִישְׁט כּוֹלֵל, אִיר

דַארְפְט הֵייבְּן, שֶׁעצְן און אַרוֹיפְקוּקְן אַייעֶר מַאן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן פא): "מַאגִינֶט סְגֻלָּה לְבָנִים", הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ מַאגְנֶעט אִיז מְסוּגָל פַּאר קִינְדֶער; מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, אַז מַאן און וַוייבּ לֶעבְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְשַׁאפְט אַזוֹי ווִי אַ מַאגְנֶעט וָואס צִיט צוּ זִיךְ - דָאס אִיז מְסוּגָל פַּאר קִינְדֶער; קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִין זִיךְ מַאגְנֶעט. אוֹיבּ מֶען זוּכְט חֶסְרוֹנוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן, מֶען קְרִיגְט זִיךְ און מֶען שֶׁעלְט זִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט מְגַדֵּל זַיין קֵיין קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן צג): "אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ שֶׁהֵם מְקַלְּלִים אֶת עַצְמָם, אֵין מְגַדְּלִין אֶת בְּנֵיהֶם", מַאן און וַוייבּ וָואס שֶׁעלְטְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אַייעֶר מַאן אֲפִילוּ עֶר גֵייט אַרְבֶּעטְן וְכוּ'; אִיר מֶעגְט אִים זָאגְן וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט לִיבּ וֶוען עֶר לֶערְנְט, וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט לִיבּ אַז עֶר הָאט אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה און אַז עֶר הָאט שַׁיְיכוּת מִיט אַן עֶרְלִיכְן אִיד וְכוּ', אָבֶּער אִיר זָאלְט אִים וַוייטֶער שֶׁעצְן אֲפִילוּ עֶר גֵייט אַרְבֶּעטְן.

גוּטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און תּוֹרָה'דִיגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען בַּאקוּמְט גְרִינְגֶערְהֵייט, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּפְרַט וֶוען מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גִיבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אִיז אַז מַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, זֵיי זָאלְן זַיין דָּבוּק צוּ דִיר און צוּ דִי צַדִּיקִים; הֶעלְף מִיר

אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי זָאלְן אַלֶע חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט אוּן זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אִין מַיין לֶעבְּן - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; אִיךְ גֶעבּ אַלֶעס אַוֶועק אַבִּי מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן, בִּפְרַט רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# גְּאוּלָה

### נֶעם הֲפָצָה פַאר דַיין פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! קוּק צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת; הָאסְט אַזוֹי לַאנְג גֶעוַוארְט פַאר דַיין שִׁידוּךְ, יֶעצְט זֶעסְטוּ וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען, אַזַא טֵייעֶרֶע כַּלָּה תִּחְיֶ' אוּן אַזַא שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה. זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז בַּיים סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן סַבְלָנוּת.

יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְּן - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן פַאר דִיר אוּן דוּ זָאלְסְט עֶס וַוייטֶער טוּן פַאר אַנְדֶערֶע; זָאלְסְט גֵיין הֲפָצָה אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי מֶען הָאט דִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט וְכוּ' זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן אַנְדֶערֶע אִידְן פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע רַחְמָנוּת וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט עֲבֵירוֹת.

דָאס זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פַאר דַיין פַּרְנָסָה: "הֲפָצָה"; וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה נָאר עוֹסֵק זַיין אִין "הֲפָצָה", יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין תְּחוּם, וֶועלְן מִיר קֶענֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה. אַזוֹי וִוי דֶער נִיגוּן גֵייט: "עַל יְדֵי הֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ נָבִיא אֶת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ", בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אַרוֹיס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה מִיטְן צוּשְׁטֵייעֶר גֶעבְּן פַאר דִי רֶענְט פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ ... דָאלֶער; בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# דְבֵיקוּת

**מֶען קֶען אוֹיסְזֶען פָּשׁוּט אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה מִיטְן צוּשְׁטֵייעֶר גֶעבְּן פַאר דִי רֶענְט פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ ... דָאלֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אִיךְ קֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ אִידְן טְרָאק דְרֵייוֶוערְס וָואס זֶענֶען דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת; זֵיי זֶעעֶן אוֹיס פָּשׁוּט אוּן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט אַרְבֶּעטְס קְלֵיידֶער אָבֶּער זֵיי טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן נָאר צוּ אִים.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט פַאר זַיין פַּרְנָסָה גֶעדְרֵייוְוט אַ טְרַאק - אַזוֹי וִוי דוּ, צוּזַאמֶען מִיט אִים אוֹיפְן טְרָאק זֶענֶען גֶעוֶוען גוֹיִם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז גוֹיִם רֶעדְן נָאר נִיבּוּל פֶּה, הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים צוּ זִיצְן אוֹיפְן טְרָאק מִיט דִי חַיּוֹת אוּן עֶר דַארְף אַגַאנְצְן טָאג הֶערְן זֵייעֶר נִיבּוּל פֶּה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ זוּמֶער וֶוען עֶס בְּרֶענְט מַמָּשׁ אַ פֵייעֶר, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן - בֶּעסֶער גֶעזָאגְט - אוֹיסְגֶעטוּן וִוי דִי חַיּוֹת פוּן וַואלְד, עֶר שְׁפִּירְט יֶעדֶע רֶגַע וִוי עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט אִין נִיאוּף, דַאן בַּאנוּצְט עֶר זִיךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה אוּן עֶר מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר וֵויינְט אוּן רֶעדְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ קוֹל, בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁעט עֶר: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, הִיט מִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן**", בִּשְׁעַת עֶס רִינֶען אִים טְרֶערְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, דִי גוֹיִם פְלֶעגְן אִים פְרֶעגְן: "פַארְוָואס וֵוויינְסְטוּ?" פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ הָאבּ עֶלֶערְדְזְשִׁיס" וְכוּ'.

דָאס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַז דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז אֲפִילוּ אַ טְרָאק דְרֵייוֶוער קֶען צוּקוּמֶען צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## הִתְבּוֹדְדוּת

### זַיין אַ בַּעַל חֶסֶד אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר אוּן אִיךְ שְׁטוֹין: 'ווִי אַזוֹי גֵייעֶן מֶענְטְשְׁן אָן מִיט זֵייעֶר לֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן? ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרִיבֶּערְטְרָאגְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אָן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת?!'

מִיר זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אוּן מִיר דַארְפְן זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר ווֵייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע עֵצוֹת, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן. דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז שׁוֹין אַ יְשׁוּעָה, מֶען הָאט כָאטְשׁ פַאר וֶועם צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער.

'טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'', פְּרוּבִּיר אוֹיס דִי עֵצָה וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דִיר טוֹישְׁן; דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן ווִי דוּ לֶעבְּסְט אִין 'גַן עֵדֶן'. זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶעד צוּ אִים אַזוֹי ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ חַבֵר, דֶערְצֵייל אִים בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אַלֶע דַיינֶע וֵוויטָאגְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן מַמָּשׁ אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט נִישְׁט וֵויי טוּן אַזוֹי שְׁטַארְק.

מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וָואס מֶען שְׁפִּירְט, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א) "וָואס אִיז דָאס 'כִּי אֲנִי' אַז אִיךְ וֵוייס? זָאל שְׁטֵיין: 'כִּי גָדוֹל ה'' אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס?!" זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, וַאֲפִילוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "כִּי 'אֲנִי' יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, "אֲנִי יָדַעְתִּי דַּיְקָא", אִיךְ פַאר מִיר וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר הֶערְט מִיךְ אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים", דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קג:) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כג): "'נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ', כָּל חַד לְפוּם מַה דִמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" שָׁם גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי, וואו וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען אוּן וִוי אַזוֹי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּי'ן; אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט אַלֵיינְס אוּן מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אַסַאךְ שֵׁיינֶע עֵצוֹת, אָבֶּער דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה אִיז הִתְבּוֹדְדוּת"; אֵיינְמָאל מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דְרוּקְט פַארְצֵיילְט מֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דַארְף מֶען שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; גֶעדֶענְק אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ; מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם מִצְוָה דִי זֶעלְבֶּע הִדּוּרִים וָואס מֶען אִיז מְהַדֵּר בַּיי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע מִצְוָה, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ מַאכְן אַ פֵּירוּד צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ אִיר, אִיר מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיר הֶעלְפְן.

עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ טוּן חֶסֶד מִיט חֲבֵרִים וְכוּ', אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ לֵייגְט עֶר נִישְׁט צוּ דִי הַאנְט אִין קַאלְט וַואסֶער; מֶען דַארְף טַאקֶע טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אָבֶּער דִי גְרֶעסְטֶע חֶסֶד אִיז וֶוען מֶען הֶעלְפְט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ. עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע וֶוען דָאס גֵייט נִישְׁט אוֹיפְן וַוייבְּ'ס חֶשְׁבּוֹן, וַוייל חֶסֶד הוֹיבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר יֶעדֶעס מָאל דוּ פַארְצֵיילְסְט מִיר נָאךְ אַ סִיּוּם אוּן נָאךְ אַ סִיּוּם, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## וִידּוּי

### וָואס מֵיינְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין אַייעֶר זְכוּת בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מֶען דַארְף זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם; דָאס מֵיינְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן? אָדֶער מֵיינְט דָאס בְּפַשְׁטוּת צוּצוּגֵיין צוּ אַ צַדִּיק אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס לֶעבְּט - אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִים?

און אויב מ'מיינט עס די צְווייטֶע פְּשַׁט, ווי אַזוֹי קֶען איך וויסְן וֶוער עֶס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק צוּ וֶועמֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען וָואס טוּט זִיךְ אָפּ וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; דִי עֲבֵירוֹת וֶוערְן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער. אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", עֶנְקֶערֶע עֲבֵירוֹת זֶענֶען אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער, און דָאס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ הַשֵׁם יְרַחֵם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דָאס שְׁלֶעכְטְס הַרְגְ'עֶט דֶעם רָשָׁע; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער? דוּרְךְ ווִדוּי דְבָרִים, אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - דוּרְךְ דֶעם גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה, מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַּארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, און אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (רַמְבַּ"ם פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א), יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה און סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד - דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי, וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַּאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי און דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז ווִדוּי, און דֶער רַמְבַּ"ם פִירְט אוֹיס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה

לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן; עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ מֶען זָאל צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה זִיךְ צוּ קֶענֶען עֶפֶענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן נִישְׁט פַארְהוֹילְן קַיין שׁוּם זַאךְ; וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס זֵיי מַאכְן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן דַאכְטְן פַארְן מֶענְטְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס וֶוערְט שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם", עֶנְקֶערֶע עֲבֵירוֹת מַאכְן אַ צְוִוישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן אַייךְ אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי, כְּדֵי דִי עֲבֵירוֹת זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בֵּיינֶער - דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם; דָאס אִיז גְרִינְגֶער פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ טוּן, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַארְן אֶמֶת'ן צַדִּיק אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז דָאךְ בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זִיצְט טָאג אוּן נַאכְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶער וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ מִיר", בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס מֵיינְט בֵּיידֶע; וֶוען מֶען גֵייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן מֶען אִיז זִיךְ דָארְט מִתְוַדֶּה, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - דָאס אִיז אֵיין וֶועג פוּן וִוידּוּי דְבָרִים פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקּוּנִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד) אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זוּכְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אַ צַדִּיק וָואס אִיז בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ צַדִּיק וָואס אִיז נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# זְמִירוֹת

## אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵּא אַ אִיד וָואס זִינְגְט זְמִירוֹת פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיים שַׁבָּת טִישׁ, וַוייל קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ הֶערְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, בִּפְרַט מַעֲשִׂיּוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים - הָאט אִים דָאס אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט דָאס הַארְץ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא הַיינְט הֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס מֶען קֶען פוּן דָארְט נֶעמֶען שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת; אַ שַׁבָּת טִישׁ אִיז נִישְׁט אַ צַייט וָואס מֶען רֶעדְט פָּאלִיטִיק וְכַדּוֹמֶה, בַּיים שַׁבָּת טִישׁ זִינְגְט מֶען זְמִירוֹת אוּן מֶען פַארְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה.

אַז מֶען פִירְט אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ - הָאט מֶען אַנְדֶערֶע סָארְט קִינְדֶער; וַוייל אַז מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין דִי קִינְדֶער - הָאט מֶען זִיכֶערֶע רְוָוחִים.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ זוּמֶער תש"ע וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מַאוּנְטֶענְדֶעיל. בִּשְׁעַת דִי בָּאטֶע הָאט מִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ זֶענֶען דִי בָּחוּרִים?" וַוייל אַסַאךְ בָּחוּרִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן שְׁלָאפְן וַוייל זֵיי זֶענֶען מִיד, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ לַאנְגֶע בָּאטֶע? מַאךְ אַ קוּרְצֶע בָּאטֶע, יֶעדֶער זָאל זַיין בִּשְׁעַת מֶען זִינְגְט אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען גֵיין שְׁלָאפְן", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים: "וֶוען אִיר זָאלְט וִויסְן וִוי אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵּא אַ אִיד וָואס זִינְגְט זְמִירוֹת פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל זֵיי קֶענֶען נִישְׁט זִינְגֶען וֶוען זֵיי וִוילְן, נָאר זֵיי הָאבְּן אַ

בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט וֶוען זֵיי קֶענֶען זִינְגֶען – וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, נָאר אַלֶע וָואלְטְן גֶעקוּמֶען זִינְגֶען".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, וֶוער הָאט דִיר גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ לַאנְגֶע סְעוּדָה אוּן זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים? מַאךְ אַ שֵׁיינֶע קוּרְצֶע סְעוּדָה, זִינְג זְמִירוֹת אוּן פַארְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, רֶעד דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן.

אַ פְּרוּי בַּאקְלָאגְט זִיךְ פַאר מִיר אַז זִי גְרֵייט אָן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, זִי קָאכְט אוּן בַּאקְט אוּן רוּימְט דִי הוֹיז אוּן זִי וַוארְט צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, אוּן אִיר תַּכְשִׁיטְ'ל קוּמְט אַהֵיים אוּן מוּרְמְלְט זִיךְ אוּנְטֶער קִידוּשׁ, קוּים קוּים וָואס מֶען קֶען הֶערְן אַ וָוארְט, אוּן עֶר עֶסְט אָפּ דִי סְעוּדָה אָן קַיין זִינְגֶען, אָן קַיין הִתְחַזְּקוּת אוּן אָן קַיין יַשֶׁר כֹּחַ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס טוּט אִיר זֵייעֶר וֵויי. דֶערְפַאר זָאג אִיךְ דִיר, מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אוּן דוּ וֶועסְט עֶסְן דִי רְוָוחִים פוּן דֶעם.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הָרַב וָואזְנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים וָואס עֶר זָאל טוּן, אוּן עֶר זָאגְט פַאר הָרַב וָואזְנֶער: "וָואס דֶער רָב וֶועט מִיר זָאגְן וֶועל אִיךְ טוּן, אָבֶּער דֶער רָב זָאל מִיר גֶעבְן אַ תִּיקוּן". הָרַב וָואזְנֶער אִיז בְּלַאס גֶעוָוארְן, ווייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען פוּן וָואס דֶער אִיד פַארְצֵיילְט, אוּן עֶר זָאגְט אִים: "אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ תִּיקוּן אַז יֶעדֶע שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אַסַאךְ זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדוֹת"; דֶער אִיד הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער רָב מַאכְט פוּן אִים שְׁפַּאס, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט גֶעפָאלְגְט הָרַב וָואזְנֶער אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן זַיין בְּלָאטֶע וְכוּ'.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דִי סְעוּדָה זָאל הָאבְּן אַ טַעַם פוּן אַ סְעוּדָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## חוֹבוֹת

### אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, טְרַאכְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַעַת; דוּ וֶועסְט נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין דִי לָאךְ פוּן חוֹבוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט וִוי גְרוֹיס זֶענֶען דִי חוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וִוי גְרוֹיס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז; מֶעגְסְט שׁוֹין טְרָאסְטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיפִיל נִיסִים הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעזֶען אִין לֶעבְּן, אַזוֹיפִיל הָאסְטוּ שׁוֹין גֶע׳דַאֲגָה׳עֶט אוּן בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת - אֵיין גְרוֹיסֶער בּוֹידֶעם, אִיז פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וַוייטֶער דַאֲגָה׳נֶען? טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן כג) דִי אַלֶע וָואס טְרַאכְטְן פוּן גֶעלְט הָאבְּן אַ טוּנְקְלְקֵייט אוֹיפְן פָּנִים, אַן אוֹיסְגֶעלָאשְׁנְקֵייט, עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אַנְפִּין חֲשׁוּכִין. טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, טְרַאכְט פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן צַדִיקִים; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן זִינְג זִיךְ: ״שְׁכּ‍ֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער״, וֶועט שׁוֹין אוֹיךְ זַיין שֶׁפַע.

...

## טַהֲרַת הַמַּחֲשָׁבָה

### וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ?

**שְׁאֵלָה**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָאס יָאר אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע גֶעבֶּעטְן צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מַחֲשָׁבָה, צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיסֶער דֶעם.

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער עֶטְלִיכֶע וָואכְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מַיין הַארְץ אִיז צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ, אִיךְ וֵויין מַמָּשׁ וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן מִיטְן זֶעלְבְּן שְׁמוּצִיגְן מֹחַ, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ רֵיינֶעם הֵיילִיגְן מֹחַ, אָבֶּער אַלֶע שְׁמוּץ אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי מִיר אִין קָאפּ, ווִיפִיל אִיךְ ווֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אִיז אָבֶּער אַלֶעס גֶעבְּלִיבְּן בַּיים אַלְטְן. ווִי לַאנְג וֶועל אִיךְ זַיין גֶעבִּינְדְן בַּיים יֵצֶר הָרָע?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען ווַייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אוּן מִיךְ מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, שׁוֹין פוּן אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר ווֵיין אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּמְעַט יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ, וָואס וֶועט זַיין?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער; עֶרְשְׁטְנְס, וָואס מֵיינְסְטוּ, עֶס גֵייט אִין אֵיין מִינוּט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי קְלִיפּוֹת? אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה? דוּ וֵוייסְט ווִיפִיל מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן זִיךְ פְּלָאגְן אוֹיף דֶעם? דוּ וֵוייסְט ווִיפִיל מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען? וָואס אִיז מִיט דִיר? שׁוֹין זָאלְסְטוּ אוֹיפְגֶעבְּן?!

צְוֵוייטְנְס; דָאס אַלֵיינְס וָואס דוּ ווִילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס דַיין מַצָּב - דָאס הָאסְטוּ נָאר בַּאקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַז מֶען לֵיינְט דַיין בְּרִיוו צֶעגֵייט דִי הַארְץ, דוּ שְׁרַייבְּסְט: "מַיין הַארְץ אִיז צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ, אִיךְ ווֵיין מַמָּשׁ וֶוען אִיךְ שְׁרַייבּ דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ בִּין

גֶעבְּלִיבְּן מִיטְן זֶעלְבְּן שְׁמוּצִיגְן מֹחַ, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ רֵיינֶעם הֵיילִיגְן מֹחַ, אָבֶּער אַלֶע שְׁמוּץ אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי מִיר אִין קָאפּ, וְוִיפִּיל אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְוִיפִּיל אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אִיז אָבֶּער אַלֶעס גֶעבְּלִיבְּן בַּיים אַלְטְן. וְוִי לַאנְג וֶועל אִיךְ זַיין גֶעבִּינְדְן בַּיים יֵצֶר הָרָע?" דָאס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ בַּאקוּמֶען אִין אוּמַאן; אִיךְ לֵיין דַיינֶע וֶוערְטֶער, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן נָאר נָאכְן זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; נֶעם דִי וֶוערְטֶער וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, דִי בְּרִיוו, אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין הַארְץ אִיז מִיר צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער; רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דִי יָאר אִין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ אוֹיף קְדוּשַּׁת הַמַּחְשָׁבָה, אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיסֶער דָאס, יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן אוּן מַיין הַארְץ אִיז מִיר צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵויין וֶוען אִיךְ זָאג דִיר דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ לִיג אִין טִנּוּף, מַיין גַאנְצֶע מֹחַ אִיז אֵיין שְׁטִיק זֶבֶל, אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ, אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אוֹיסֶער טִנּוּף; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? וְוִיפִּיל אִיךְ וֵויין צוּ דִיר - גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ, עַד מָתַי? וְוִי לַאנְג וֶועל אִיךְ זַיין גֶעבִּינְדְן בַּיים יֵצֶר הָרָע?!"

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ דִיר אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ; אָדֶער אִין שְׁטוּב אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער, אָדֶער אִין גַאס אַ לֵיידִיגֶע גַאס אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט אִים שְׁפִּירְן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, חוֹדֶשׁ נָאךְ חוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ יָאר נָאךְ יָאר - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה. מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת פַאר דֶעם, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה.

קוּק דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב כח)

עֶר שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן: "וְלֹא אוּכַל לְהִתְאַפֵּק מֵעֹצֶם אַהֲבָתְךָ מִלִּכְתֹּב לְךָ מְעַט מִמַּה שֶׁאָמַרְתִּי בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ הֶעָבַר", וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן, אִיךְ מוּז דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית יח, א): "וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם", אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעזִיצְן בַּיים טִיר וֶוען דִי זוּן הָאט גֶעבְּרֶענְט, "יוֹשֵׁב" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "הַמְתָּנָה וְעַכָּבָה זְמַן רַב", וַוארְטְן; זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט, "הַיְנוּ שֶׁאֵין הָאָדָם זוֹכֶה לְהִתְגַּלּוּת אֱלֹקוּת בִּבְחִינַת וַיֵּרָא אֵלָיו ה', כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁיּוֹשֵׁב וּמַמְתִּין וּמִתְעַכֵּב אֵצֶל פֶּתַח אֹהֶל הַקְּדֻשָּׁה זְמַן רַב", מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אוּן טְרַאכְטְן נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר אַז מֶען הָאט אַסַאךְ סַבְלָנוּת, מֶען לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק, מֶען וַוארְט בַּיים טִיר פוּן דִי קְדוּשָׁה, "וְאַף עַל פִּי שֶׁבְּתוֹךְ כָּךְ עוֹבֵר עָלָיו מַה שֶּׁעוֹבֵר", אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס מֶען וַוארְט - וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, "וַחֲמִימוּת הַיּוֹם, שֶׁהֵם כְּלַל הַתַּאֲווֹת, בּוֹעֵר אוֹתוֹ הַרְבֵּה", עֶס בְּרֶענְט דִי תַּאֲווֹת, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט, "אַף עַל פִּי כֵן הוּא אֵינוֹ מַנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ חַס וְשָׁלוֹם", מִיט דֶעם אַלֶעם לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפּ, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, "רַק הוּא יוֹשֵׁב וּמַמְתִּין וּמִתְעַכֵּב אֵצֶל הַפֶּתַח יָמִים וּזְמַנִּים רַבִּים, בִּבְחִינַת וְהוּא יוֹשֵׁב פֶּתַח הָאֹהֶל כְּחֹם הַיּוֹם, וְהָבֵן הֵיטֵב", מֶען וַוארְט אוּן מֶען וַוארְט אַ לַאנְגֶע צַייט, נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וַיֵּרָא אֵלָיו ה'.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וָואס זָאגְסְטוּ צוּ אַזֶעלְכֶע לִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער? דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי קַאלְטֶע טְרִינְקֶען פַאר אַ הֵייסֶער דוּרְשְׁטִיגֶער מֶענְטְשׁ; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, בְּרוּדֶער וַוארְט, אַנְטְלוֹיף נִישְׁט, דוּ גֵיי אָן מִיט דַיינֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁט סְתָּם, אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דוּרְךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת - אִיז עֶס אַזוֹי; אַז דוּ וֶועסְט וַוארְטְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן אַלֶע קְדֻשּׁוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# יְמֵי הַבַּחֲרוּת

**פַארְוָואס חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג? מֶען פַארְלִירְט דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַייךְ, אַז עֶס אִיז גוּט אַ בָּחוּר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן וִוי יוּנְגֶער. אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעהֶערְט פוּן מַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אַז דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן אִין לֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן לֶעבְּן, וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן אַלְס בָּחוּר - קֶען מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְטוּן שְׁפֶּעטֶער; פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַז עֶס אִיז יָא בֶּעסֶער חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן וִוי פְרִיעֶר, מֶען וֶועט דָאךְ פַארְפַאסְן דִי שֶׁענְסְטֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן?

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה שְׁרַייבְּט: "שָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת כְּשָׁנָה שְׁלֵימָה בִּימֵי עֲמִידָה", אֵיין שָׁעָה אִין דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן אִיז וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. אִיךְ פְלֶעג דָאס הֶערְן פוּן מַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים יֶעדֶע פוּפְצֶן מִינוּט... אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ גָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט.

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם לְקַנְטֵר, אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין, אוּן אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן: "וְשָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת כְּשָׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי הָעֲמִידָה חָשׁוּב", אֵיין שָׁעָה אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, רֶעדְט עֶר נִישְׁט פוּן דִי תְּקוּפָה וָואס מִיר רוּפְן הַיינְט אָן: "דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן", אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיס בָּחוּר, וַוייל דֶער בְּרִיוו הָאט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין זוּן הָרַב

הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אֶלְעָזָר נִיסָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה שׁוֹין נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נָאר "יְמֵי הַבַּחֲרוּת" מֵיינְט "דִי יוּנְגֶע יָארְן" – סַיי מִיט אַ וַוייבּ אוּן סַיי אָן אַ וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה שְׁרַייבְּט דָאס אוּנְז צוּ לֶערְנֶען וִוי חָשׁוּב דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען אוּן מֶען זָאל רִיכְטִיג אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", דָאס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: "אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה פְרִי פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן" – אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; אֵין הָכִי נַמֵּי, פוּן אֵיין זַייט אִיז פַאר אַ בָּחוּר גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם עוֹל הַפַּרְנָסָה אוּן עֶר דַארְף נָאכְנִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, אָבֶּער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", ווילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס; נָאכְמֶער זָאגְן חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב): "כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְרָכָה, בְּלֹא כַפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, וְאֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם", פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כַּפָּרָה, עֶס פֶעלְט שָׁלוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן אוּן מֶען אִיז נִישְׁט אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא ה.): "כָּל מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, כָּל שְׁבָחָא אַעְדּוֹי מִנֵּיהּ, וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְּאָדָם. וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא", ווילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטְס, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ אוּן עֶר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר (פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, נט:) רֶבִּי יִצְחָק זָאגְט: "בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

פוּן דֶעם קֶענְסְטוּ זֶען דִי סִיבָּה פוּן אַלֶע צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס גֵייט אַלֶץ אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים - וַוייל עֶס פֶעלְט זֵיי דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - זֶענֶען דִי תּוֹצָאוֹת דֶערְפוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ שְׁטִיקֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער יוּנְג וָואלְטְן אַלֶע גֶעבְּלִיבְּן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

טְרַאכְט גוּט אַרַיין וֶוען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט; דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי בַּר מִצְוָה (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן סה), אוּן בְּעֶצֶם הָאבְּן אַלֶע צַדִּיקִים חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְּמָרָא אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַב חִסְדָּא הָאט זִיךְ בַּארוּמְט פַאר דִי חֲכָמִים - זַיינֶע חֲבֵרִים (קִידוּשִׁין כט:): "הַאי דַּעֲדִיפְנָא מֵחַבְרָאִי, דִּנְסִיבְנָא בְּשִׁתְּסַר", דָאס וָואס אִיךְ בִּין מֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג - בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר (זֶעכְצְן יָאר מֵיינְט מֶען וָואס מִיר רוּפְן פוּפְצְן יָאר, אָנְפַאנְג פוּן דִי זֶעכְצְן יָאר), "וְאִי נְסִיבְנָא בְּאַרְבֵּיסָר הֲוָה אָמִינָא לֵיהּ לְשָׂטָן: גִּירָא בְּעֵינָךְ", אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר, וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט רֵייצְן מִיטְ'ן שָׂטָן אוּן אִיךְ וָואלְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, עֶר וָואלְט מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען מֶער אָפְּגֶעהִיטְן.

אַז דוּ רֶעדְסְט פוּנֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, וֵוייסְטוּ מִן הַסְּתָם אוֹיךְ אַז דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעהָאפְט אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף מָשִׁיחַ אוּן נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת גֶעוֶוען פוּן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ. עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת נֶעבְּן זִיךְ אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן, אַז אוֹיבּ מָשִׁיחַ וֶועט פְּלוּצְלוּנְג קוּמֶען זָאל עֶר אִים גְלַייךְ קֶענֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט (עַיֵּין דִּבְרֵי

(יוֹאֵל פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה עָמוּד תעד; פַּרְשַׁת תַּזְרִיעַ עָמוּד שיט) וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט סַאטְמֶער פוּן אַן אַלְטְן אִיד ר׳ אַבְרָהָם לֶעוִוי [פִּילְפִּישֶׁער] זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס הָאט אַלֵיינְס גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה אֵיינְמָאל הוֹשַׁעְנָא רַבָּה וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים שְׁטִיקְל: "הוֹשַׁעְנָא לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ" - וִוי עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹן כָּל עוֹלָמִים, אִיךְ בֶּעט נִישְׁט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין הֲנָאָה, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס גוּטְס וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק פוּן דֶעם - אִיז מִיר אוֹיךְ גוּט, אִיךְ וִויל נָאר עֶס זָאל זַיין 'יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא'".

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט, גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעהָאפְּט יֶעדֶע רֶגַע אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען. אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען וָואס עֶר זָאגְט וֶועגְן דִי "בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן" (סֵפֶר יִשְׂמַח מֹשֶׁה, פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא): "כִּי הִנֵּה תָּמַהְתִּי עַל עִיכּוּב הַגָּלוּת, כִּי רוֹב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה כְּשֵׁרִים וּמַדּוּעַ בֶּן דָּוִד לֹא בָא", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס מָשִׁיחַ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, בְּשַׁעַת מִיר זֶעעֶן אַז רוֹב אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. "וְכַאֲשֶׁר חָקַרְתִּי נִתְוַדַּע לִי כִּי בְּבַחֲרוּתָם מַרְבִּין חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת עַד שֶׁדֵּי לָהֶם עַל יְמֵי חַיֵּיהֶם, וְעַל זֶה אֵין עוֹשִׂין תְּשׁוּבָה כְּלָל וְזֶה הַגּוֹרֵם, וּלְכָךְ אֵין יְכוֹלִין שׁוּב לְהִדָּבֵק בְּבוֹרְאֵינוּ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", בִּיז אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דִי בָּחוּרִים טוּעֶן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן אוּן טוּעֶן נִישְׁט תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, דָאס אִיז דִי סִיבָּה אוֹיפְן אֲרִיכוּת הַגָּלוּת; אִיז פַאר דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אוֹיב מֶען הָאט חֲתוּנָה יוּנְג פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן, זָאלְסְטוּ זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זָאגְט, אַז נָאר וֶועגְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט דוּרְכְאוֹיס דִי בָּחוּרִי׳שֶׁע יָארְן לַיידְן מִיר אִין גָלוּת.

עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער אוּן אַ שְׁרֶעק וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם שְׁטִיקְל יִשְׂמַח מֹשֶׁה זֶעעֶנְדִיג וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט אָן, אַלֶעס זֶעט אוֹיס גְלַאט אוּן גְלַאנְצִיג, עֶס זֶעט אוֹיס

ווִי עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין נִסְיוֹנוֹת, מֶען פַּאלְט נִישְׁט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק וְכוּ׳; עֶס פַּאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג וָואס בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרִיבֶּער, זֵיי ווִילְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֵאשִׁית חָכְמָה שְׁרַייבְּט וֶועגְן דִי ׳בָּחוּר׳יִשֶׁע יָארְן׳, (רֵאשִׁית חָכְמָה שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג, סִימָן י): "וּמֵהַדְּבָרִים שֶׁצָּרִיךְ הַשָּׁב לְתַקֵּן, הוּא לְתַקֵּן אוֹת בְּרִית, הַפָּגוּם בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט נִיצּוֹל פוּן דִי עֲבֵירָה אִין דִי בָּחוּר׳יִשֶׁע יָארְן, עַיֵּין שָׁם; דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אִין צְפַת פַאר אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אִינֶעם דוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל, וֶוען דִי שְׁטָאט צְפַת אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, קְדוֹשִׁים אוּן עֶלְיוֹנִים וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט (חוּץ מִזֶּה וָואס לְהַבְדִּיל דִי אַרַאבְּקֶעס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע צְנִיעוּת, אָנְגֶעטוּן פוּן קָאפּ בִּיזְן פִּיס אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ צוּ קוּקְן אַ רְאִיָּ׳ אֲסוּרָה), אוּן טְרָאץ דֶעם שְׁרַייבְּט עֶר אִין יֶענֶע צַייט דִי וֶוערְטֶער: "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", אַז יֶעדֶער בָּחוּר פַּאלְט דוּרְךְ אִין דִי עֲבֵירָה דוּרְכְאוֹיס דִי בָּחוּר׳יִשֶׁע יָארְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען אַלֶעס אִיז אָפְּן אוּן עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ הַיינְט צוּ טָאגְס וֶוען מִיר הָאבְּן דִי בִּיטֶערֶע צָרָה אַז יוּנְגֶע קִינְדֶער - בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם הָאבְּנְדִיג אִין טַאשׁ אַן אֵייפַּאד, אָדֶער סְמַארְטְפָאוֹן וָואס מֶען קֶען זֶען דָארְט אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי וֶועלְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז ווִי פְרִיעֶר מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁענֶערֶע יָארְן; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה! מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג וֶוען מֶען אִיז רֵיין אוּן הֵיילִיג, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג רַחְמָנוּת אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן זֶען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער ווִי יוּנְגֶער אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין תֵּירוּצִים

אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי חֲתוּנָה; מֶען קֶען הֶערְן אַלֶע מִינֵי סְבָרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן פַארְוָואס זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיס קַיין שִׁידוּכִים פַאר דִי קִינְדֶער:

א. עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן: "אוּנְזֶער קִינְד אִיז נָאךְ יוּנְג, פַארְוָואס זָאלְן מִיר אִים פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט שִׁידוּכִים וְכוּ'? פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אוּנְזֶער קִינְד דֶעם עוֹל פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן?" ווִי מָאדְנֶע עֶס הֶערְט זִיךְ קֶען מֶען הֶערְן דִי טַעֲנָה אֲפִילוּ וֶוען דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין הֶעכֶער צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס דֶעמָאלְט זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים בְּפֵירוּשׁ אַז (קִידּוּשִׁין כט:): "כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֲבֵירוֹת; וַוייל הֶרְגֵל נַעֲשֶׂה טֶבַע, דָאס גֶעוואוֹינְהֵייט וֶוערְט ווִי אַ צְוֵוייטֶע נַאטוּר, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג הָאט עֶר כְּסֵדֶר גֶעטְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וֶועט זִיךְ דָאס שׁוֹין בַּיי אִים צִיעֶן אוֹיף וַוייטֶער. אָבֶער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וַוייל אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג - בִּפְרַט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): "בִּתְּךָ בָּגְרָה, שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֶן לָהּ", וֶוען דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט אַ בוֹגֶרֶת זָאלְסְטוּ אִיר גְלַייךְ חֲתוּנָה מַאכְן - אֲפִילוּ מִיט דַיין קְנֶעכְט! אַז זִי זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

ב. אוֹיךְ קֶען מֶען הֶערְן עֶלְטֶערְן זָאגְן: "מִיר הָאבְּן אַזוֹי לִיבּ אוּנְזֶער קִינְד, פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַזוֹי שְׁנֶעל חֲתֻנָּה מַאכְן?" בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין לִיבְשַׁאפְט, וַוייל וֶוען זֵיי וָואלְטְן בֶּאֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט זֵייעֶר קִינְד וָואלְטְן זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דָאס קִינְד ווִי שְׁנֶעלֶער; וֶוען מֶען טוּט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם ווַייזְט דָאס אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ, נִישְׁט וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן אוּן מֶען זָאגְט אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (אֵיכָה ד, י): "יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן", רַחֲמָנוּת'דִיגֶע מַאמֶעס הָאבְּן מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט גֶע'הַרְגֶ'ט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט הַיינְט אִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְּעוּרִים, ווִי זֵיי פַּיינִיגְן זִיךְ אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין מִיאוּס'ע עֲבֵירוֹת, וָואס מֶען קֶען וֶוען דָאס אַלֶעס אַיינְשְׁפָּארְן דוּרְךְ זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג.

ג. ווידער זענען דא עלטערן וואס זאגן אָפּ שידוכים מיט'ן תירוץ אַז עס קאסט אַסאַך געלט צו חתונה מאכן, דאס איז אויך אַ רציחה און אַן אכזריות צו לאזן צוליב דעם די קינדער זיך עלטערן; ווער הייסט חתונה מאכן טייער, רייך און אויסגעבן שווערע געלטער זיך צו ווייזן פאר מענטשן אַז מען האט געלט וכו'?! ענדערש זאל מען חתונה מאכן די קינדער ביליג, און די געלט (אויב מען האט דאס בכלל) זאל מען געבן פאר'ן יונגן פּארפאלק זיי זאלן האבן פּרנסה וכו', ווען מען וואלט ווען געשפּארט געלט נישט צו חתונה מאכן אין טייערע זאלן און נאר רופן די נאנטע משפּחה וואלט מען ווען געקענט גרינגערהייט חתונה מאכן די קינדער אָן קיין חובות. ממילא איז דאס אויך נישט קיין בארעכטיגטע תירוץ פארוואס אָפּצושטופּן שידוכים.

ד. עס זענען דא וואס זאגן אָפּ שידוכים וועגן כבוד און יחוס; די קינדער נעבעך פאלן אראפּ אין ביטערע עוונות רחמנא לצלן, אָן דעם וואס די עלטערן זאלן וויסן בכלל וואו זיי פאלן נעבעך אראפּ - אַלץ נאר צוליב כבוד המדומה. דאס הייסט אַוועק גיין פונעם דרך התורה, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן אונז (יְבָמוֹת סג.): "נחית דרגא", גיי אראפּ פון דיין דרגא, "נסב איתתא", כדי דו זאלסט קענען חתונה האבן; ווי קענען עלטערן שלאפן רואיג ביינאכט ווען זיי האבן אין שטוב קינדער וואס דארפן חתונה האבן? וואו איז די יראת שמים פון עלטערן וואס לאזן זייערע קינדער עלטער ווערן נאר צוליב כבוד?!

ה. עס זענען דא עלטערן וואס זענען זיך מלבוש בלבוש תלמיד חכם און זאגן אָפּ שידוכים מיטן תירוץ אַז די קינדער דארפן זיך נאך משלים זיין אין לערנען; דאס איז אויך קעגן די תורה, ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קִידוּשִׁין כט): "אם אי אפשר לו בלא אשה, ישא אשה ואחר כך ילמד תורה", אויב מען קען נישט זיין אָן אַ פּרוי זאל מען קודם חתונה האבן און נאכדעם לערנען תורה; נאך זאגן חז"ל (פְּסָחִים קיב:): "מצוה וגוף טהור, נושא אשה ולו בנים", אַז מען האט חתונה איז מען אַ ריינער מענטש.

תמצית הדברים, ווער עס האט רחמנות אויף די קינדער זאל זיי ווי פריער חתונה מאכן, אַזוי וועלן זיי אויסוואקסן הייליג און ריין.

אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִינֶעם בְּרִיוו נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה פְּרִי, פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן"; עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס הָאט אַ פָּנִים ווִי דֶער עֶנְטְפֶער וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרע קִינְדֶער, וֶוען דֶער קִינְד שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אוּן בֶּעט אָפְּן: "טַאטֶע, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן", אָדֶער: "מַאמֶע, אִיךְ בֶּעט דִיר, זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּכִים, אִיךְ וֶועֶר פַארְבְּרֶענְט", דַאן זָאגְן זֵיי מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "וואוּ יָאגְסְטוּ זִיךְ? כַאפּ אַרַיין דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פוּן דַיין לֶעבְּן", וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְג אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען יֶעדֶע רֶגַע אִין אַ סַכָּנָה וְכוּ'; אַזוֹי אוֹיךְ הָאסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ פַארְגֶעסְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ בָּחוּר.

עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ ווִי אַ בָּחוּר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא שִׁבְרֵי כֵּלִי ווִי אַ בָּחוּר וָואס ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית אָבֶּער עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, מֶען קֶען אֲפִילוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בְּחִירָה; אוּן עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן טִיטְל: "רַע" וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֵר וְאוֹנָן (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'"; עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה?!"** מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קב, יח): "פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַ'רְ'עָ'ר' וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶערְט זִיךְ צוּ דִי תְּפִלָּה פוּן דִי וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן 'רַע'.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן בָּחוּרִים וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זָאגְן. אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, עֶר וֶועט טַעְנָה'עֶן פַארְ'ן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה: "וָואס זֶענֶען בָּחוּרִים שׁוּלְדִיג אַז זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת?!"

"מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים" - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן; "אִיךְ בִּין

אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן בָּחוּרִים אוּן זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן ׳כ״א אִיָּר׳ אִין דִי סְפִירָה פוּן ׳חֶסֶד שֶׁבִּיְסוֹד׳, וָואס דָאס אִיז מַיין מִדָּה, אִיךְ טוּ ׳חֶסֶד׳ אוּן אִיךְ בִּין מְחַזֵּק דִי אַלֶע וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין מִידַּת הַ׳יְסוֹד׳״.

בָּחוּרִים וָואס וִוילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ - זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף וָואס זֵיי פַאלְן דוּרְךְ; מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טַעֲנָה׳עֶן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?!״**

דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרַא״שׁ צַוָּאָה גֶעלָאזְט (צַוָּאַת מוֹהֲרַא״שׁ, אוֹת ה): ״אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת - וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג״; וַוייל עֶר הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## כִּיבּוּד אָב וָאֵם

### וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף מִיר צוּ סֶעקִירְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק אוּן שִׁיעוּרִים, וּבִפְרַט פַאר׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט לֶערְנֶען. אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען בַּיים גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קַנְיֶבְסְקִי

שְׁלִיטָ"א [זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה], אוּן אִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְּמָרָא, הָאט עֶר מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער: "יֵשׁ עִנְיָן".

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א חִיזּוּק אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיךְ בִּין דֶער יוּנְגְסְטֶער קִינְד אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ אוֹיף צוּ מִיר וִוי צוּ אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר'ל, מֶען גֵייט מִיר נָאךְ דִי פִּיסְקְרִיט אוּן מֶען לָאזְט מִיךְ נִישְׁט אָפּ, אוּן דָאס מַאכְט אַז אִיךְ פִיר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ זֵיי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ קֶען צוּמָאל צוּרִיקְשְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר. כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין פִיל פַארְבֶּעסֶערְט אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, דַארְף אִיךְ נָאכְאַלְץ הָאבְּן נָאךְ חִיזּוּק אוֹיף דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידּוּךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה.

חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יוֹמָא עב:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים יט, י): "'יִרְאַת ה' טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד', זֶה הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה", דָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ רֵיינֶע מֹחַ, פְרֶעגְט דִי גְּמָרָא: "מַאי הִיא", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה? "נוֹשֵׂא אִשָּׁה, וְאַחַר כָּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה", אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה קוֹדֶם.

בְּנוֹגֵעַ דַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אָפּ וְכוּ'; וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס עֶפֶענְט אַ מוֹיל צוּ רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה צוּ זַיינֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַאר אַ קִינְד וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין אַלְטֶע מַאמֶע. קוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ל, יז): "עַיִן תִּלְעַג לְאָב", אַן אוֹיג וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן זַיין טַאטֶע, "וְתָבוּז לִיקְּהַת

אֵם", אוּן דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן זַיין מַאמֶע (וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דֶער פָּנִים פוּל מִיט קְנֵייטְשְׁן), "יִקְּרוּהָ עֹרְבֵי נַחַל", זָאלְן קוּמֶען דִי רוֹיבּ פוֹיגְל וָואס זֶענֶען גְרוֹיסֶע אַכְזָרִים אוּן אִים אוֹיסְשְׁטֶעכְן דִי אוֹיגְן, "וְיֹאכְלוּהָ בְנֵי נָשֶׁר", אוּן דִי אָדְלֶער זָאלְן אִים אוֹיפְעֶסְן.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת; דָאס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת וָואס אִיז דָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר, גָדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע וִוי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

בִּפְרָט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶער יוּנְגְסְטֶער קִינְד אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען שׁוֹין אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג מִיט זֵיי, זָאלְסְט זֵיי נִישְׁט וֵויי טוּן אוּן זָאלְסְט רֶעדְן מִיט זֵיי מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ. וִוי עֶלְטֶער דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן אַלְץ מֶער זֶענֶען זֵיי סֶענְסֶעטִיוְו, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג וִוי אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## לִימוּד הַתּוֹרָה

### דִי תּוֹרָה מַאכְט גֶעזוּנְט דֶעם מֶענְטְשׁ פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט דִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר

הֶערְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חַיוּת, אוּן עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן עֶר הָאט דִיר פַארְצֵיילְט בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים אַז עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן זַיינֶע מֶעדְעצִינֶען וְכוּ' וְכוּ'; וָואס אִיז בִּכְלַל דֶער חִידוּשׁ? דָאס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעזֶען צֶענְדְלִיגֶער מָאל בַּיי בָּחוּרִים אוּן בַּיי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן זֵיי דַארְפְן שׁוֹין נִישְׁט קַיין טֶערֶעפִּי מִיט מֶעדֶעצִינֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין נד.) אוֹיבּ דֶער קָאפּ טוּט וֵויי זָאל מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי א, ט): "כִּי לִוְיַת חֵן הֵם לְרֹאשֶׁךָ, וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶיךָ"; קוּק נָאךְ דִי גְמָרָא וואוּ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים רֶעכֶענֶען אוֹיס אַלֶע סָארְט וֵוייטָאגְן, אַז תּוֹרָה אִיז דִי רְפוּאָה דֶערוֹיף.

אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעזֶעצְן אִין אַ שׁוּל דָא אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, מִיר זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוּן גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'. בֶּעפָאר אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פַאר בַּר מִצְוָה בָּחוּרִים - כִּתָּה ט', דָאס אִיז נָאר גֶעוֶוען פַאר אַ הַאלְבֶּע טָאג - בִּיז אֵיינְס אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם פְּלֶעג אִיךְ זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אוּן גוֹרֵס זַיין סְדָרִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג אוּן גַאנְצֶע מַסֶכְתּוֹת פוּן שַׁ"ס בִּרְצִיפוּת, ווַייל אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ אִיז טוֹעֵם דֶער טַעַם פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וֶוערְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט זַאט, אוּן וִויפִיל דַּפִּים גְמָרָא מֶען לֶערְנְט - וֶוערְט מֶען נָאךְ מֶער הוּנְגֶערִיג צוּ לֶערְנֶען.

זִיצְנְדִיג דָארְט קוּמְט צוּ צוּ מִיר אַ אִיד, עֶר גֶעבְּט אַזַא הוֹיכֶע קְרֶעכְץ אוּן זָאגְט: "אוֹי יוֹאֵלִ'יש יוֹאֵלִ'יש, וִוי נֶעמְט מֶען דִי תְּמִימוּת? וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵיידְט יָארְן צוּרִיק בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט וְכוּ', אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וְכוּ' וְכוּ' - הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען דִי אַלֶע מֶעדְעצִינֶען, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר גְרִינְגֶער צוּ נֶעמֶען דִי אַלֶע מֶעדֶעצִינֶען וִוי זִיךְ אַיינְבֵּייגְן מַיין קָאפּ אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אוּן יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע עֶנְק זִיצְן אוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת בִּין אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר מְקַנֵּא".

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס אִיז

אַרָאפּ פון זַיינֶע מֶעדֶעצִינֶען דורְךְ לִימוּד הַתּוֹרָה - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, און וֶוען אַלֶע בָּחוּרִים וָואלְטְן וֶוען גֶעוְוּיסְט פּוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, און מֶען וָואלְט זֵיי גֶעלָאזְט לֶערְנֶען - יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ.

שְׁטַארְק דִיךְ און זַיי מַמְשִׁיךְ וַוייטֶער מִיט הֲפָצָה; טְרַאכְט צוּ דִיר, וִויפִיל אִיז דִי מֶערְסְטֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַ טָאג, ח"י פְּרָקִים? אַ גַאנְצֶע סֵדֶר? וִויפִיל? וֶוען דוּ גֶעבְּסְט פַאר בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט דֶעם חִיזוּק יוֹמִי קַארְטְל און זֵיי הוֹיבְּן אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִיז אַזוֹי ווִי דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג טוֹיזְנְטֶער פְּרָקִים, און דָאס זֶעלְבֶּע מִיט גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'. וֶוען אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואלְטְן זִיךְ מֶער אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ גֵיין הֲפָצָה - וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ.

אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין וַוייל דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף מִיר.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## מַתָּנוֹת

### ווִי אַזוֹי צוּ קוֹיפְן מַתָּנוֹת פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַזֵק מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דִי פְּרוּוְוּעְן צוּזַאמְקוּם בְּלָאזְט אַרַיין אִין אַייךְ אַ פְרִישֶׁע חַיוּת אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער מִיט דִי ווִירְטְשַׁאפְט פוּן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע; דֶער רֶבִּי הָאט דִיבּוּרִים און הִתְחַזְקוּת אוֹיפְצוּלֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

בְּנוֹגֵעַ צִי עֶס אִיז גוּט צוּ קוֹיפְן אַ קֶעמְרֶע פַאר אַ מֵיידְל; עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז אַ מֵיידְל זָאל הָאבְּן אַ קֶעמְרֶע, נָאר וָואס יָא, יֶעדֶע אִיבְּרִיגֶע

זַאךְ וָואס מֶען וויל גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד - דַארְף דֶער קִינְד דָאס פַארְדִינֶען און מֶען דַארְף דָאס אוּיסְנוּצְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם קִינְד אוּיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

יֶעדֶער אֵיינֶער וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט מִידוֹת וָואס מֶען דַארְף אוּיסְאַרְבֶּעטְן, און דִי צַייט אוּיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת אִיז וֶוען מֶען אִיז יוּנְג. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (צֶעטְל קָטָן, סִימָן טז): "הָאָדָם לֹא נִבְרָא, רַק לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן עֶר זָאל זִיךְ אוּיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת, און עֶר זָאגְט (שָׁם) אַז דָאס אִיז גְרִינְגֶער צוּ טוּן וֶוען מֶען אִיז יוּנְג.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ אוּיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת און אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן צוּ הֶעלְפְן אַ קִינְד אוּיסְאַרְבֶּעטְן דִי נִישְׁט גוּטֶע מִידוֹת - אִיז דוּרְךְ בַּאלוֹינֶען; לְמָשָׁל, אַז דֶער קִינְד דַארְף אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען מוּז הָאבְּן - קֶען מֶען אִים הֶעלְפְן אוּיסְאַרְבֶּעטְן אַ גֶעוִויסֶע מִדָּה, און נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער קִינְד פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶער מִדָּה - גֶעבְּט מֶען אִים דִי פַארְדִינְטֶע מַתָּנָה.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הָאבְּן תְּפִלָּה; אַז אִיר ווִילְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת זָאלְט אִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט דֶעמָאלְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן צוּ פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, דַאן זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן בִּשְׁעַת אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, אָדֶער אִין סַיי וָואס פַאר אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, פַאר מַיין מַאן און קִינְדֶער - פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער. אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה. דִי אִינְגְלֶעךְ זָאלְן אוּיסְוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים יִרְאֵי אֱלֹקִים, און דִי מֵיידְלֶעךְ

זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע צְנִיעוּת׳דִיגֶע פְרוֹיעֶן וָואס וֶועלְן אוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! מַיין גַאנְצֶע לֶעבְן אִיז נָאר צוּ טוּן דַיין וִוילְן, מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְן אִיז נָאר צוּ עֶרְצִיעֶן אַ דוֹר פוּן קִינְדֶער, אֵייניקְלֶעךְ אוּן אוּר-אֵייניקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן מַאֲמִינִים בַּה׳; זֵיי וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן זַיין דָבוּק צוּ דִיר אוּן צוּ דִי צַדִיקִים. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי זָאלְן אַלֶע חֲתוּנָה הָאבְן יוּנְגֶערְהֵייט אוּן זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְן אַ שֵׁיין לֶעבְן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ דַארף גָארְנִישְׁט אִין מַיין לֶעבְן - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; אִיךְ גֶעבּ אַלֶעס אַוֶועק אַבִּי מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיין מַאן עֶר זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען גְרִינְג פַּרְנָסָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מוּטְשֶׁען. גֶעבּ אוּנְז שֶׁפַע, גֶעבּ אוּנְז שֵׂכֶל מִיר זָאלְן אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן מְכַבֵּד זַיין.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן, בִּפְרַט רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וִוי אִיךְ צִינְד יֶעצְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, מַאךְ מִיר לִיכְטִיג אוּן מַאךְ לִיכְטִיג פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן דִיר, אַלֶע זָאלְן וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, בִּזְכוּת דֶעם וָואס אִיךְ גִיבּ נָאךְ אוּן אִיךְ קְרִיג מִיךְ נִישְׁט זָאלְסְטוּ מִיר אוֹיךְ נָאכְגֶעבְן אוּן אוֹיסְהֶערְן מַיינֶע תְּפִילוֹת״.

...

# נִיסִים

## אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה ווִי דוּ בִּיסְט מְחַיֶּ׳ דוּרְשְׁטִיגֶע נְשָׁמוֹת, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס בְּלָאנְדְזְשֶׁעט אִין וַואלְד אוּן זוּכְט אַ טְרָאפּ וַואסֶער, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס גֵייט אִים אוֹיס דִי כֹּחוֹת אוּן וֶוען עֶר טְרֶעפְט וַואסֶער אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶּ׳ - אַזוֹי אִיז מִיט דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים, עֶס אִיז פָּשׁוּטְ׳עֶ דִיבּוּרִים, אָבֶער עֶס אִיז אַזוֹי ווִי וַואסֶער פַאר אַ דוּרְשְׁטִיגֶער מֶענְטְשׁ.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין בַּיי בְּרִיאַת הָעוֹלָם אָנְגֶעגְרֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער אַ בִּילְד פוּן אַ גוֹי וָואס הַאלְט אַ צְוַוייג אוֹיף דִי אַקְסְל אוּן צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער הֶענְגֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. אִין דִי זַייט שְׁטֵייט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט אַ תַּלְמִיד, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער פָּנִים וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אוֹיפְן גוֹי, אוּן דֶער תַּלְמִיד הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע פָּנִים.

בֶּעט אִים אוֹיךְ עֶר זָאל לֵייגְן אִין דִי זַייט אַ בִּילְד פוּן אַ קְלֵיינֶע בַּעַל חַי, אַ מָאוֹקָאשׁ אָדֶער אַ קַאץ, ווייל דָאס מַאכְט עֶס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר קִינְדֶער, אַזוֹי וֶוערְן זֵיי פַארְ׳חָלוֹמְ׳ט אוֹיפְן בִּילְד אוּן זֵיי פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת; דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דִי מַעֲשֶׂה זֵייעֶר גוּט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶר הַארְץ.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַמָאל אַרַיין מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים טִיף אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער תַּלְמִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטִיג.

דֶער תַּלְמִיד זָאגְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "רֶבִּי, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דוּרְשְׁטִיג, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "וַוארְט אַבִּיסְל, אֶפְשָׁר בַּאלְד וֶועלְן מִיר טְרֶעפְן וַואסֶער". נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאגְט דֶער תַּלְמִיד מִיט זֵייעֶר אַ שְׁטִילֶע קוֹל: "רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ גֵיי שׁוֹין כִּמְעַט חַלֶשְׁ'ן"; עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, דֶער תַּלְמִיד הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן וַוייס, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אִים: "זָאג מִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט - הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען אַז מִיר בֵּיידֶע וֶועלְן גֵיין אִינְאֵיינֶעם אִין וַואלְד, אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר וַואסֶער?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער תַּלְמִיד: "יָא יָא, זִיכֶער! זִיכֶער גְלֵייבּ אִיךְ אִין דֶעם!" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעגְרֵייט אַ יְשׁוּעָה פַאר אוּנְז".

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי אַן עָרֵל קוּמְט צוּ גֵיין מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער וָואס הֶענְגְט אִים פוּן זַיין פְּלֵייצֶע! דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֵייט צוּ אִים אוּן גֶעבְּט אִים אַפָּאר פְּרוּטוֹת, עֶר בֶּעט דֶעם עָרֵל: "גֶעבּ אוּנְז אַבִּיסְל וַואסֶער"; דֶער תַּלְמִיד מַאכְט אַ עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, אוּן עֶר הָאט צוּרִיקְבַּאקוּמֶען זַיינֶע כֹּחוֹת.

זֵיי זֶעעֶן דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט זֵיי, זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיס: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס!"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פְרֶעגְט דֶעם עָרֵל: "זָאג מִיר, וָואס טוּסְטוּ דָא אִין וַואלְד מִיט דִי צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער?" זָאגְט דֶער גוֹי: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, מַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, עֶר הָאט מִיר גֶעהֵייסְן אָנְפִילְן צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל אַרַיינְלוֹיפְן אִין וַואלְד; אִיךְ דְרֵיי זִיךְ שׁוֹין דָא דְרֵיי טֶעג אִין וַואלְד, אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פַארְ'ן תַּלְמִיד: "זֶעסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

**וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט גֶעמַאכְט אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל מְשׁוּגָע וֶוערְן אוּן אַרַיינְשִׁיקְן זַיין קְנֶעכְט אִין וַואלְד מִיט צְוֵויי עֶמֶערְס וַואסֶער אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וַואסֶער".**

**טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר גְרֵייט אָן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶעס וָואס יֶענֶער דַארְף; אַז מֶען גְלֵייבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֶמוּנָה אוּן מֶען בֶּעט אִים - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## סַבְלָנוּת

**וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ רִיזִיגְן דַאנְק פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם דָא אִין דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאב אַ שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה אוֹיף וָואס מֶען בֶּעט דֶערוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג? עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פִילְט וִוי גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעט; זֶעט עֶר מַיין צַעַר? וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק?

אִיךְ דַארְף נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָא דִי דֶעטַאלְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ מַאךְ מִיט, עֶס מַאכְט נִישְׁט קַיין חִילוּק אוֹיף דִי נוֹשֵׂא, אָבֶער וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי הִתְבּוֹדְדוּת, אַסַאךְ מָאל פַארְלִיר אִיךְ דִי מוּט פוּן בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, וֶוען אִיךְ זֶע וִוי זַאכְן גֵייעֶן מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן בֶּעט אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אִין לֶעבְּן; בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט ווִי מֶען בַּאקוּמְט אַ יְשׁוּעָה; דַארְף מֶען הָאבְּן גָאר אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, נִישְׁט וֶוערְן מְיוּאָשׁ. וַוייל חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): ״אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל״, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט זַיין יְשׁוּעָה, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): ״קַוֵּה אֶל ה׳, חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה׳״; מֶען דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנ׳עֶן מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וֶוען דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם גַנְבְ׳עֶנֶען מִיט כֹּחַ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצו): ״אָסוּר לָאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ׳״, אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ׳עַקְשְׁנ׳עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, ״רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו, לָאו״, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט, אַז מֶען נֶעמְט מִיט גֶעוַואלְד קֶען מֶען וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): ״כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ״, וֶוער עֶס עַקְשְׁנ׳ט זִיךְ, עֶר זָאגְט ׳עֶס מוּז יֶעצְט גֶעשֶׁען דָאס אוּן דָאס׳ - דֶער וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וַוארְט אוּיס אוּיף זַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט סַבְלָנוּת בִּיז זַיין יְשׁוּעָה קוּמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֵינַיִם

### הִיט דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִוי״ס, פַארְבְּרֶען דִיר נִישְׁט דַיין לֶעבְּן; נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הֶערְסְט פוּן אַ צְוֵוייטְן דַארְפְסְטוּ נָאךְ טוּן, אֲפִילוּ אַלֶע אִינְגֶעלַייט מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ רֶעדְן פוּן דֶעם עֶקְטֶער אוּן פוּן יֶענֶעם זִינְגֶער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם זַאךְ.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן דַארְף מֶען נָאכְדֶעם לַיידְן אִין לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט פַארְשְׁוַוארְצְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ הָאבְּן אַ כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן אוּן אַ גֶעפִילְטֶערְטֶע קָאמְפְּיוּטֶער, שֶׁעמֶען דַארְף מֶען זִיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מָארְגְן וֶועט אִם יִרְצֶה ה׳ זַיין אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דִיךְ צוּ זֶען.

...

# פַּשְׁטוּת

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט׳ערְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ״ד אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשע״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר פָּשׁוּטְ׳עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער; פוּן וֶוען מִיר עֶפֶענֶען דִי אוֹיגְן בִּיז וֶוען מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן - זָאלְן מִיר כְּסֵדֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן צו). אוּן וֶוער עֶס פְלֶעגְט זֶען מוֹהֲרָא״שׁ, הָאט גֶעקֶענְט בַּאמֶערְקְן וִוי זַיינֶע לִיפְּן הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעשָׁאקְלְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַזַא פַּשְׁטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת.

אִיךְ גֶעדֶענְק, אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ בַּאגְלֵייט מַיין זֵיידֶע הָרַב הַגָּאוֹן רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה שְׁלִיטָ״א [זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה] - וָואס אִיךְ פְלֶעג אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין - צוּ אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעמַאכְט פַאר אַן אֵיינִיקְל.

דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ פַאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן (מַיין זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט מִיט מוֹהֲרָא״שׁ; מַיין זֵיידֶע אִיז אֲפִילוּ אֵיינְמָאל גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל אוּן גֶעגֶעבְן אַ דְרָשָׁה פַאר דִי אִינְגֶעלַייט, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּלִיבּ מְסִירוֹת אַז עֶר מַאכְט חֲתוּנָה יוּנְג). הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אֵיינֶעם אַז עֶר זָאל מִיר וַוייזְן וֶוער מוֹהֲרָא״שׁ אִיז. הָאט עֶר מִיר גֶעוִויזְן וֶוער מוֹהֲרָא״שׁ אִיז, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זֶען וָואס דָא גֵייט פָאר, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָא״שׁ זִיצְט אוֹיבְן אָן אוּן זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ דִי גַאנְצֶע צַייט, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ דָאס צוּ זֶען. אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ מַיינֶע הֶרְגֵּשִׁים פוּן דֶעמָאלְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אִין מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר ׳דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳.

אָבֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם; אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַ וַואלְד צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען גֵייט אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אִין וַואלְד אוּן מֶען מַאכְט פוּן דֶעם אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, בִּשְׁעַת וָואס מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט יֶעצְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואו דוּ שְׁטֵייסְט אוּן וואוּ דוּ בִּיסְט, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט אוֹיף פַּרְנָסָה, אֵיינְמָאל טְרֶעפְט אִים רֶבִּי נָתָן אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ פַאר פַּרְנָסָה?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בִּין אִין חֶבְרָה קַדִּישָׁא", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף שַׁבָּת וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן פַאר פַּרְנָסָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְפְן אֵיינֶעם אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִי וֶועלְט דִיר צוּ גֶעבְּן פַּרְנָסָה, אִיךְ וִויל - זָאגְט רֶבִּי נָתָן פַאר זַיין תַּלְמִיד - אַז דוּ זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן מִיט זֵייגֶערְס אָדֶער צִירוּנְגֶען, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט בֶּעטְן פַאר פַּרְנָסָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען קוֹיפְן בַּיי דִיר צִירוּנְגֶען פַאר דִי חֲתוּנָה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס פַאר אַ כֹּחַ תְּפִלָּה הָאט, אַז מֶען קֶען אַוֶועקְנֶעמֶען אַ לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ כְּדֵי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם פַּרְנָסָה.

פְרֶעגְט מִיךְ אֵיינֶער: "נוּ, דֶעמָאלְט וֶוער וֶועט אַרְבֶּעטְן אִין חֶבְרָה קַדִּישָׁא?" זָאג אִיךְ אִים: "דֶער וָואס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן תְּפִלָּה, אוּן עֶר מֵיינְט אַז אַלֶעס אִיז (דְבָרִים ח, יז): 'כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי', אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיינֶע הֶענְט אוּן אִין זַיין קָאפּ, אַזוֹי וִוי רוֹב מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן נֶעבֶּעךְ, אַז פַּרְנָסָה קוּמְט לוֹיט וִוי גֶעלוּנְגֶען מֶען אִיז וְכוּ', דֶער קֶען אַרְבֶּעטְן פַאר חֶבְרָה קַדִּישָׁא".

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וָואס בַּאקְן אַרַיין אִין אוּנְז דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, אִין סְקוּל מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; אַזוֹי וִוי מֶען קֶען זֶען בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וָואס זֵיי שָׁאקְלֶען זֵייעֶר לֵיפְּן אַ גַאנְצְן צַייט.

אִיךְ מוּז דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מִיט יָארְן צוּרִיק

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה. אֵיין טָאג רוּפְט מִיךְ אַ רַב פוּן בָּארָא פַּארְק (אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן דֶעם נָאמֶען וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ שִׁיקְסְט אַרוּם מַיינֶע בְּרִיוְון, פָּנִים בְּפָנִים וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן), אַז עֶר וִויל אַיינְשְׁרַייבְּן זַיין אֵיינִיקְל אִין יְשִׁיבָה. הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט דָאס וָואס אִיךְ פְרֶעג יֶעדֶע מָאל וֶוען אֵיינֶער רוּפְט מִיךְ אַז עֶר וִויל אַיינְשְׁרַייבְּן אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגְל אִין דִי מוֹסָד: "פוּן וואוּ הָאסְטוּ גֶעהֶערְט פוּן דִי יְשִׁיבָה, אוּן וָואס מַאכְט דִיךְ וֶועלְן דָא אַרַיינְשִׁיקְן?" זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר הָאט אַ בָּחוּר וָואס דְרֵייוְוט אִים בַּיינַאכְט, לְמָשָׁל צוּ חֲתוּנוֹת וְכַדוֹמֶה, פַּאר אַפָּאר דָאלֶער, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר גֵייט אַרַיין אִין זַאל בְּלַייבְּט דֶער בָּחוּר אִין קַאר אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת; עֶר הָאט נָאךְ אַזַא זַאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעזֶען, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ דְרֵייוֶוערְס בָּחוּרִים, אוּן גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט מֶען אַרוֹיס רֵייכֶערְן וְכוּ׳, זָאגְט עֶר מִיר אַז אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, דָאךְ זֶעט עֶר אַז עֶס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, וַוייל עֶר זֶעט אַז דֶער בָּחוּר קֶען אוֹיסְנֶוויינִיג גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוְוּיסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, נִישְׁט וַוייל עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, וַוייל בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ תַּלְמִידִים וָואס קֶענֶען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בַּעַל פֶּה, נָאר יֶענֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען אַ נֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בַּעַל פֶּה, פְרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס מַאכְט אַייךְ טְרַאכְטְן אַז עֶר קֶען מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה?" זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר קוּקְט אוֹיף אִים אַ גַאנְצֶע וֶועג וֶוען זֵיי פָארְן, אוּן עֶר זֶעט וִוי זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ אִים, אוּן עֶס אִיז בַּיי אִים אַ וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי אַ בָּחוּר זָאל קֶענֶען אוֹיסְנֶוויינִיג שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה...

הֶערְנְדִיג דָאס טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס דָא גֵייט פַאר; עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר דֶעם רַב צוּ טְרַאכְטְן אַז אַ בָּחוּר וָואס שָׁאקְלְט מִיטְן מוֹיל קֶען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בַּעַל פֶּה, וִוי צוּ טְרַאכְטְן אַז דֶער בָּחוּר רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע אִין הִימְל שְׁטִילֶערְהֵייט׳; זֶעסְטוּ פוּן דֶעם וָואס אַ צַדִּיק אִיז, אַז דֶער רֶבִּי קֶען אוּנְז נֶעמֶען אוּן צוּבְּרֶענְגֶען צוּ אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע זַאכְן וָואס דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר וַוייט דֶערְפוּן, אוּן בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי פָּשׁוּט.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, קוּם צוּ דִי שִׁיעוּרִים מָאנְטָאג נַאכְט; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז מֶען קוּמְט אוּן מֶען הֶערְט נָאכְאַמָאל יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מֶען חַזֶר'ט אִיבֶּער וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אַ גוּטְן טָאג.

...

## צַדִיק

**מַאכְן אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּמָא מִיט "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, ט"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַ"שׁ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד רֶבִּי סֶענְדֶר'ל פוּן טְרָאוִויצֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, אוּן סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעווֹאוֹינְט אִין אוּמַאן.

זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַארְטָאגְס פְּלֶעגְט עֶר קוּמֶען צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וְכוּ', אֵיינְמָאל וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן פַארְטָאגְס הָאט מֶען גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט נֶעבְּן צִיוּן שָׁאקְלְט זִיךְ. קוֹדֶם הָאט מֶען מוֹרָא גֶעהַאט וָואס דָאס אִיז, נָאכְדֶעם הָאט מֶען בַּאמֶערְקְט אַז דָאס אִיז רֶבִּי סֶענְדֶר פוּן טְרָאוִויצֶע בַּאדֶעקְט מִיט שְׁנֵיי פוּן קָאפּ בִּיז פִיס, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי סֶענְדֶר וָואס טוּט אִיר דָא, עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ בַּאלְד פַארְפְרוֹירְן?!" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיוּן אוּן דֶער צִיוּן אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא, עֶס הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ פַאלְן אַ שְׁנֵיי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין יָא גֶעוָואלְט אַהֵיים גֵיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִיךְ וֶועל וֶועלְן גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס הֵיכָל, וֶועט מֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן תֵּירוּצִים: עֶס רֶעגְנְט, עֶס

שְׁנֵייט, עֶס אִיז וַוייט, עֶס אִיז קַאלְט וְכוּ' וְכוּ', וֶועל אִיךְ זָאגְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'נְס צִיוּן, אַזוֹי וִויל אִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין תֵּירוּצִים, וֶועט מֶען מִיר מוּזְן לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן עד): "הַמְקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם", וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף דִי וֶועלְט - וֶועט זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קא). עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה הָאבְּן אִים אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר טוּט בִּיזְנֶעס וְכוּ', אִינְמִיטְן וֶועג צוּ גֵיין צוּם יְרִיד רוּפְט עֶר זִיךְ אָן אַז עֶר וִויל גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבְּן אִים זַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס - וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען מַלְאָכִים - אָפְּגֶערֶעדְט דֶערְפוּן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "מֶען וֶועט נָאךְ גֵיין שְׁפֶּעטֶער וְכוּ'", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט. בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט גֵייט עֶר זֵיי שׁוֹין נִישְׁט פָאלְגְן נָאר עֶר גֵייט צוּ זַיין רֶבִּי, אוּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט נִישְׁט פַאר דִי גֶעשֶׁעפְטְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס גֵייט מִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, זָאל אִיךְ פַארְלִירְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיךְ פָאר צוּ מַיין רֶבִּי", אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁלָאגְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיר זֶענְט מַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אִיר דַארְפְט מִיךְ פָאלְגְן!" הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: "זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵת - אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, דוּ קוּמְסְט מִיט אוּנְז", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי!" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מַה דָאךְ פְרִיעֶר וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן מִיר דִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין, יֶעצְט וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מִיר זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה - דַארְפְן מִיר דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָאלְגְן", עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת בִּיז בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס

דִי קוֹלוֹת זֶענֶען הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, הָאט בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז זֵיי מוּזְן אִים לָאזְן גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי, וִויבַּאלְד עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקּוּן.

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק דָא אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ צַדִּיק, וֶועט אִים דֶער צַדִּיק מְתַקֵּן זַיין.

דָאס אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר וַוייל עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ זֶען וִוי עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען נִישְׁט דַאוֶּוענֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מִיט תֵּירוּצִים אַז עֶס רֶעגְנְט, עֶס שְׁנֵייט, עֶס אִיז קַאלְט, דִי שׁוּל אִיז וַוייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע תֵּירוּצִים; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טְרַאכְטְן ׳לְמָשָׁל אִיךְ בִּין אַ נִפְטָר, וואוּ גֵיי אִיךְ? וֶוער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר? וִויל אִיךְ מֶען זָאל מִיךְ אַיינְרֶעדְן תֵּירוּצִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין צוּם רֶבִּי׳ן וַוייל עֶס רֶעגְנְט, עֶס שְׁנֵייט, עֶס אִיז קַאלְט, דִי שׁוּל אִיז וַוייט וְכוּ׳ וְכוּ׳?!׳ דֶערְפַאר וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט דַאוֶּוענֶען נָאר אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - מִיט אַלֶע מְנִיעוֹת וְכוּ׳, דוּ קוּמְסְט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, דוּ טְרַאכְט ׳דֶער רֶבִּי אִיז דָא, מוֹהֲרַא״שׁ אִיז דָא, אִיךְ קוּם צוּ זֵיי אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט׳.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ. אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ גֵיין פוּן סוֹף שְׁטָאט צוּ אַלֶע תְּפִילּוֹת, עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען בְּעֶרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה אֵיין וֶועג, מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז עֶס גֶעקוּמֶען אַ גַאסְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ עֶסְן, הָאט אִים דֶער אִיד גֶערוּפְן פַאר אַ סְעוּדָה. יֶענֶער גַאסְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, מֶען גֵייט אַהֵיים פוּן שׁוּל אוּן מֶען גֵייט אוּן גֵייט אוּן מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן, פְרֶעגְט עֶר זַיין בַּעַל אַכְסַנְיָא וִוי לַאנְג נָאךְ בְּעֶרֶךְ? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים בְּעֶרֶךְ צְוֵויי שָׁעָה... יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל מִיט אַ פַּשְׁטוּת גֵיין צְוֵויי שָׁעָה צוּם שׁוּל; אֵיינֶער הָאט מִיר עֶס פַארְצֵיילְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶערוּפְן צוּ מִיר פַאר אַ סְעוּדָה אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי אִיבֶּער אַ מֵייל פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ מַיין שְׁטוּבּ, זָאגְט עֶר מִיר: ״יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן זָאגְן, אַז נִישְׁט וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער...״

אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי מִיר זָאל שְׁנֵייעֶן, זָאל רֶעגֶענֶען, זָאל זַיין פְּרָאסְטִיג קַאלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיךְ דַאוֶוען נָאר אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען, וַוייל יֶעדֶע דְרָשָׁה אִיז גֶעוֶוען מִיר צוּ אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן מִיר צוּ שְׁטֶעכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען נָאךְ וַוייטֶער וִוי עֶס אִיז יֶעצְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֵייס, אִיךְ פְלֶעג אָנְקוּמֶען אִין שׁוּל אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן פוּן מִיר דִי שְׁוֵוייס, אוּן נָאךְ דֶעם הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן פְּסָקִים מִיט בִּזְיוֹנוֹת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן וָואס נִישְׁט, דָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוִויסְט אַז אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין אַדְרֶעסְס: "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אוּן אַלֶעס אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן פַאר מִיר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען חִיזוּק אוּן זִיךְ מַאכְן אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָימָא מִיט "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט אֵייבִּיג הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ שִׁיעוּר, עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוּן אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל פַאר דִי שִׁיעוּרִים - אִיז נָאךְ מֶער ווִיכְטִיג אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז מֶען הָאט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים אוּן מֶען דְרֵיידְט זִיךְ מִיט זֵיי וֶוערְט מֶען סוֹף כָּל סוֹף אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ גוּטְן טָאג.

...

## קִנְאָה

### יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט, נָאר אִיךְ לַייד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, לַ"ג שׁוֹבָבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, זַייט נִישְׁט מְקַנֵא קֵיינֶעם; יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת. פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט, פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען

זִיךְ דַאכְטְן אַז ׳יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט, אוֹיסֶער אִיךְ לַייד׳, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז קְלָאר אַז יֶעדֶער לַיידְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט): "שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, וְאֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה, וַאֲפִילּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל", עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם מְקַנֵּא צוּ זַיין, עֶס אִיז נַארִישׁ מְקַנֵּא צוּ זַיין. מוֹהֲרַנַ"שׁ זָאגְט, אַלֶע מַחֲלֹקֶת, אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, מִשְׁפָּחָה וְכַדּוֹמֶה - אִיז קִנְאָה, נָאכְדֶעם גֵייט עֶס צוּ שִׂנְאָה, בִּיז רְצִיחָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי אוֹתִיּוֹת פוּן שֶׁקֶר; עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיטְן מִיטְלְסְטְן אוֹת קְ׳נְאָה, נָאכְדֶעם שׂ׳נְאָה, בִּיז רְ׳צִיחָה. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֵיין שְׁטִיק צַעַר זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה, עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן - וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בְּפַשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ דִי פְּטִירָה, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען - וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרַנַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - טָאר מֶען נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לד) יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרוּס פוּן הִימְל, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; רָבָא פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בַּת קוֹל אוּן אַבָּא אֻמָּנָא בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד

כְּעֻבְדָּא דְאַבָּא אֻמָּנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; אַזוֹי ווִי דֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן: "דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה".

מִיר דַארְפְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּנֶעם תָּם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט שֵׁיינֶע שִׁיךְ, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן אַ שִׁיךְ וָואס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ שִׁיךְ, דָאךְ - פַארְצֵיילְט דֶער רֶבִּי - פְלֶעגְט דֶער תָּם נֶעמֶען זַיין שַׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט, ווִי זִיס אִיז מַיין שַׁיךְ, ווִי הָאנִיג'דִיג אִיז מַיין שִׁיךְ, וָואס פַאר אַ צוּקֶערְדִיגֶע שִׁיךְ, אַ וואוֹילֶע שִׁיךְ", זַיין וַוייבּ - וֶוען זִי פְלֶעגְט הֶערְן ווִי אִיר מַאן דֶער תָּם אִיז זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' מִיט זַיין שִׁיךְ אוּן עֶר לוֹיבְּט זַיין שִׁיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק - פְלֶעגְט זִי אִים פְרֶעגְן: "אוֹיבּ אִיז עֶס יָא אַזוֹי, פַארְוָואס נֶעמֶען אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס אַסַאךְ מֶער גֶעלְט ווִי דוּ נֶעמְסְט פַאר דַיין שִׁיךְ?" פְלֶעגְט אִיר דֶער תָּם עֶנְטְפֶערְן: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, לָאמִיר זֶען ווִיפִיל אִיךְ פַארְדִין מִיַּד לְיַד וְכוּ'"; דָא לִיגְט דֶער סוֹד פוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט זִיךְ; אֲפִילוּ עֶר הָאט אַ פָּנִים ווִי אַ שַׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן - דָאךְ זָאל עֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַזוֹי בַּאשַׁאפְן.

דָאס אִיז סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב) אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט ווִי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן 'אִיךְ זֶע אוֹיס אַזוֹי ווִי אִיךְ זֶע אוֹיס וְכוּ'', "וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, רַק כָּל אֶחָד יָבִין בְּעַצְמוֹ כְּפִי

עִנְיָנָיו, וּכְנֶגֶד כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם צְרִיכִין לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, לַחֲשֹׁב כְּאִלּוּ הוּא יְחִידִי בָּעוֹלָם".

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת

### גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן הֶער אוֹיס דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען זַיין וַוייבּ, "מִתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה", וַוייל דִי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁנֶעל; מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ אוּן זַיין אַ סַבְלָן, דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּבּ, אַז דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אַ פַּחַד פוּן דִיר. עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס וַוארְפְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֵימָה אִין שְׁטוּבּ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע נָאכְפָאלְגְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ו:): "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וַוארְפְן אַ שְׁרֶעק אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, "שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בְּגִבְעָה הִטִּיל עָלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה וְהִפִּילָה כַּמָּה רְבָבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל". וַוייל דִי מַעֲשֶׂה פוּן פִּילֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה וִוי זִיבֶּעצִיג טוֹיזֶענְט אִידְן זֶענֶען גֶע'הַרְג'עֶט גֶעוָוארְן הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוָוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר רַב, כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת". וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים אוּן חִלּוּל שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "לְכַבֵּד וּלְיַיקֵר אֶת אִשְׁתּוֹ", מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּידָה וְהַגִּידוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֶצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם, בְּכַמָּה אוֹפַנִּים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד מְאֹד וְכוּ' וְכוּ'", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי וַוייבֶּער לַיידְן אַסַאךְ צַעַר, אוּן זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אַז שָׁלוֹם בַּיִת וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן; אֲפִילּוּ אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ פְרוֹי מִיט שְׁוֶועעֶרֶע נַאטוּרְן וְכוּ' אִיז אוֹיךְ מֶעגְלִיךְ פַארְן מַאן אִיר אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן.

עֶס אִיז דָא וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים מֶען זָאל קוֹיפְן מַתָּנוֹת אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען אִין רֶעסְטוֹרַאנְט וְכַדוֹמֶה, דָאס מַאכְט שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט גֶעוָואנְדְן אִין מַתָּנוֹת וְכַדוֹמֶה לָזֶה, וַוייל אַ פְרוֹי דַארְף נִישְׁט קַיין מַתָּנוֹת, אַ פְרוֹי דַארְף נִישְׁט מֶען זָאל אִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען וְכַדוֹמֶה, אַ פְרוֹי ווִיל אַ מַאן וָואס אִיז נָאנְט מִיט אִיר אוּן רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר, עֶר הֶערְט אִיר אוֹיס אוּן פַארְשְׁטֵייט אִיר. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כ:): "רוֹצָה אִשָּׁה בְּקַב וְתִפְלוּת, מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת". אַ פְרוֹי ווִיל עֶנְדֶערְשׁ וֵוייניג עֶסְן אוּן זַיין נָאנְט מִיט אִיר מַאן, ווִי אֵיידֶער אַסַאךְ עֶסְן אוּן נִישְׁט זַיין נָאנְט מִיטְן מַאן; אַוַדַאי אִיז גוּט צוּ קוֹיפְן אַ מַתָּנָה לִכְבוֹד יוֹם טוֹב, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז שָׁלוֹם בַּיִת, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דַיין שְׁמֵייכְל וָואס דוּ שְׁמֵייכְלְסְט צוּ אִיר אוּן דִי פַּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער וָואס דוּ גֶעבְּסְט אִיר.

וֶוען אַ פְרוֹי רֶעדְט זִיךְ אָפּ אַז דֶער מַאן בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וֶוען אַ פְרוֹי רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוּן דִי פַארְצֵיילְט וָואס יֶענֶע חַבֶר'טֶע הָאט אַלְץ וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס בַּאדֶערְט אִיר גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ – זִי דַארְף אַ מַאן אוּן זִי הָאט דָאס נִישְׁט, זִי שֶׁעמְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן: "אִיךְ דַארְף אַ גוּט וָוארְט", "אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט". שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, יז): "טוֹב אֲרֻחַת יָרָק וְאַהֲבָה שָׁם מִשּׁוֹר אָבוּס וְשִׂנְאָה בוֹ", עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ עֶסְן אַבִּיסְל גְרִינְצֵייג – אַן אָרֶעמֶע מָאלְצַייט וֶוען עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט דָארְט, ווִי שְׁטִיקֶער פְלֵייש

און מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט פוּן יֶעצְט זַיין נָאכְגֶעבִּיג און זַיין אַ "גֶעבֶּער", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז שׁוֹין דָא אַלֶע בְּרָכוֹת, און דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## תּוֹכֵחָה

**וֶוען דַארְף מֶען זָאגְן מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן און וֶוען נִישְׁט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן דִי גְדָרִים פוּן דִי מִצְוָה פוּן "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", וָואס דָאס מֵיינְט לִכְאוֹרָה אַז מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר פַאר אַ חַבֵר, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט דָאךְ אַלְץ אַז מֶען זָאל לֶעבְּן נָאר פַאר זִיךְ און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת און חִיזּוּק

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה; דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יז): "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", מֶען דַארְף מוּסָר'ן אַ חַבֵר. און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן מוּסָר און פוּן אָנְנֶעמֶען מוּסָר (תָּמִיד כח.): "אֵיזוֹ הִיא דֶּרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיָּבוֹר לוֹ הָאָדָם", וָואס פַאר אַ וֶועג זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ? "יֶאֱהַב אֶת הַתּוֹכָחוֹת", עֶר זָאל לִיבּ הָאבְּן מוּסָר, "שֶׁכָּל זְמַן שֶׁתּוֹכָחוֹת בָּעוֹלָם, נַחַת רוּחַ בָּעוֹלָם", וַוייל וֶוען עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן מוּסָר און מֶען נֶעמְט דָאס אָן אִיז דָא פְרִידְן אוֹיף דִי וֶועלְט, "טוֹבָה

וּבְרָכָה בָּאִין לָעוֹלָם", אַז מֶען נֶעמְט אָן מוּסָר אִיז דָא אַלֶעס גוּטְס אוּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, "וְרָעָה מִסְתַּלֶּקֶת מֵהָעוֹלָם", דוּרְךְ מוּסָר גֵייט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי וֶועלְט. "וְכָל הַמּוֹכִיחַ אֶת חֲבֵרוֹ לְשֵׁם שָׁמַיִם, זוֹכֶה לְחֶלְקוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אוּן וֶוער עֶס מוּסָר'ט אַ חַבֵר לְשֵׁם שָׁמַיִם אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁמּוֹשְׁכִין עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד", אוּן דוּרְךְ זָאגְן מוּסָר בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן מוּסָר אוּן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אָן מוּסָר.

אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח) אַז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גֶעבְּן מוּסָר, נָאר דֶער וָואס קֶען גֶעבְּן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן מוּסָר, מוּסָר וָואס וֶועט מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אִים דֶערְוַוייטֶערְן, וַוייל אוֹיבּ מֶען זָאגְט מוּסָר שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר צוּ טְשֶׁעפֶּען - מַאכְט מֶען עֶרְגֶער מִיט דִי מוּסָר, מֶען מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ מִיט דִי מוּסָר. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ מָשָׁל צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס לִיגְט אַ כְּלִי פוּן צוֹאָה וְכוּ' אוֹיבּ קוּמְט אֵיינֶער אוּן הֵייבְּט אָן מִישְׁן דִי צוֹאָה מַאכְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, עֶר אִיז מַבְאִישׁ רֵיחַ אוּן טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶער קֶען נִישְׁט מוּסָר'ן אַזַא סָארְט מוּסָר וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶר מַאכְט נָאר עֶס זָאל וֶוערְן אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ.

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל אוּן גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל אוּן זֵיי הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט (שַׁבָּת פח:): "עֲדַיִן חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, יב): "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ", וְלֹא כְּתִיב הִסְרִיחַ; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען גֶעבְּן מוּסָר, אַז מֶען וַוייזְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאךְ אַלְץ צוּ אִים אוּן וַוארְפְט אִים נִישְׁט אַוֶועק אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען זָאגְן מוּסָר. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוִויזְן פַאר דִי אִידְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט.

דֶערְפַאר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִירָה דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז טַאקֶע דָא דִי מִצְוָה פוּן תּוֹכָחָה אָבֶּער מֶען דַארְף וויסְן ווי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן אַז עֶס זָאל יֶענֶעם מְקָרֵב זַיין און חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְרַחֵק זַיין. אַזוֹי ווי מוֹהֲרָא"ש טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי ט, ח): "אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ, הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ" מֶען טָאר נִישְׁט מוּסָר'ן דֶעם מֶענְטְשׁ בִּלְשׁוֹן: "דוּ לֵץ וָואס דוּ בִּיסְט", וַוייל דָאס וֶועט אִים מַאכְן עֶר זָאל דִיר פַיינְט הָאבְּן, מֶען דַארְף מוּסָר'ן דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְכ'ן אִים זָאגְן: "דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ חָכָם, דִיר פַּאסְט נִישְׁט צוּ טוּן אַזוֹי און אַזוֹי", דֶעמָאלְט וֶועט עֶר דִיר לִיבּ הָאבְּן. דָאס זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ: "אַל תּוֹכַח", זָאג אִים נִישְׁט: "לֵץ!" וַוייל: "פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ", עֶר וֶועט דִיר פַיינְט בַּאקוּמֶען און דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, נָאר וָואס דֶען? "הוֹכַח", זָאג אִים: "לְחָכָם", דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ חָכָם, פַאר דִיר פַּאסְט נִישְׁט וְכוּ', "וְיֶאֱהָבֶךָּ", וֶועט עֶר דִיר לִיבּ הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.



מצבת ציון הקדוש
כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע
ביבנאל עיר ברסלב
הבטחת מוהרא"ש:
"אני מבטיח שכל בחור רווק, וכל בחורה רווקה, שיבואו כאן לקברי, ויגמרו את כל ספר תהלים מהתחלה עד גמירה לזכותי, אזי אשתדל בכל מה שרק אוכל שימצאו את זיווגם, וזה הבטחה חזקה ממני."

בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט דא צו באקומען

# אפגעשיקט יעדע וואך
# צו אייער טיר
# אויף פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע

**וועכנטליכע קונטרס**

# עצתו אמונה

**הערליכע בריוו, שאלות ותשובות**

אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה

הרה"ג רבי **יואל רוטה** שליט"א

## קרן הדפסה היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

718.387.2691

אדער שיקט אן אימעיל צו:

subscribe@kerenhadfusa.org

מען קען פרעגן שאלות פונעם

ראש ישיבה שליט"א דורך:

https://breslevcenter.com/answers

ווי אויך קען מען באקומען דעם טעגליכן בריוו

אויף טעלעפאן מעסעדזשינג:

347.286.8081

היכל הקודש

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו